אמונה און מיט דעם רוח הקודש, און פיליפּוסן און
פּראָכאָרוסן און ניקאַנאָר און טימאָן און פּאַרמענאַס,
6 און ניקאָלאַאָסן, אַ גר פון אַנטיוכיא. זיי האָט
מען געשטעלט פאַר די שליחים; און מתפּלל־
זייענדיק, האָבן זיי אַרויפגעלייגט די הענט אויף
זיי.
7 און ג־טס ווארט איז געוואַקסן, און די צאָל
תלמידים אין ירושלים האָט זיך שטאַרק פאַרמערט,
אַפילו אַ גרויסע מאַסע פון די כהנים איז געוואָרן
געהאָרכזאַם צום גלויבן.
8 און סטעפאַנוס, פול מיט גנאָד און גבורה, האָט
געטון גרויסע אותות און מופתים צווישן דעם פאָלק.
9 עס זענען אָבער אויפגעשטאַנען אייניקע פון דעם
בית־הכנסת, וואָס האָט געהייסן די שול פון די
ליבערטינער, און קירענער און אַלעקסאַנדרענער
און פון די (לייט) פון קיליקיען און אַזיען; און
10 האָבן געהאַלטן אַ וויכוח מיט סטעפאַנוסן, און
זיך נישט געקענט אַקעגנשטעלן דער חכמה און
11 דעם גייסט, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. האָבן
זיי דעמלט אונטערגעשטעלט מענער, וואָס האָבן
געזאָגט: מיר האָבן אים געהערט רעדן לעסטערנ־
12 דיקע ווערטער קעגן משהן און ג־ט. און האָבן
אויפגעהעצט דאָס פאָלק און די זקנים און די
סופרים, און זענען אויפגעשטאַנען און אים
גענומען מיט געוואַלד, און אַוועקגעפירט צום
13 סנהדרין, און געשטעלט פאַלשע עדות, וואָס
האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש הערט נישט
אויף צו רעדן ווערטער קעגן דעם דאָזיקן מקום
14 קדוש און דער תורה; וואָרום מיר האָבן אים
געהערט זאָגן, אַז דער דאָזיקער ישוע, דער
נוצרי, וועט צעשטערן דאָס אָרט און ענדערן